# פרשת שמות י"ג – י"ט טבת תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת שטארק, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **ישראל שטארק** הי"ו).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ח') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** גייט יעצט אריין אין די ימי השובבי"ם, ימי תשובה. די גמרא (סנהדרין קב.) פארציילט, אז ירבעם בן נבט איז געווען א חוטא ומחטיא את הרבים, און דער אייבערשטער האט אים אנגעכאפט אין זיין בגד, און ער האט אים געזאגט, חזור בך, האב חרטה אויף וואס דו האסט געטון, טוה תשובה, ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן. אויב דו וועסט תשובה טון, זאגט דער אייבערשטער, וועל איך, צוזאמען מיט דיר, און מיט דוד המלך, שפאצירן אין גן עדן. האט ירבעם געפרעגט, מי בראש, ווער וועט זיין קודם. איך, צו בן ישי. האט אים דער אייבערשטער געענטפערט, בן ישי בראש. האט ער געזאגט, אי הכי לא בעינא, ער האט נישט געוואלט.

**דער** אייבערשטער טראגט אן פאר א מענטש, אז אויב דו וועסט תשובה טון, וועל איך שפאצירן מיט דיר אין גן עדן. עס איז געווען א שיינע זאך, צו מאכן אזא געשעפט, און תשובה טון. וואס איז נאך געווען די שאלה, מי בראש. ער דארף נאך זיין פאר דוד המלך אויך?! וואס איז געווען זיין הוה אמינא? פריי זיך אז מען איז דיר מקבל בתשובה, דער אייבערשטער ווארפט דיר נישט אוועק, אפילו דו ביסט געווען א חוטא ומחטיא את הרבים. און צום סוף פרעגט ער נאך מי בראש, ווער עס קומט קודם. און ווען דער אייבערשטער זאגט אים, אז דוד המלך איז בראש, זאגט ער לא בעינא. - און די קשיא איז נאך שטערקער, דער אייבערשטער האט אים דאך געזאגט, אני ואתה ובן ישי, איך מיט דיר און נאכדעם בן ישי, נטייל בגן עדן, האט דאך דער אייבערשטער מקדים געווען דעם ירבעם, וואס איז געווען די שאלה 'מי בראש'. - און פארוואס האט אים דער אייבערשטער נאכדעם צוריקגעענטפערט, אז דוד המלך וועט זיין קודם. דער באשעפער האט דאך קודם געזאגט, אני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** ריש פ' נצבים), אין די פרשה פון תשובה שטייט (דברים ל-ב), ושבת עד ה' אלקיך וגו', דו וועסט תשובה טון צו אייבערשטען, והטיבך, וועט דיר דער אייבערשטער גוטס טון, והרבך מאבותיך, און ער וועט דיך פארמערן מער פון דיינע עלטערן. שטעלט זיך דער **חתם סופר**, וואס איז דער טייטש והרבך מאבותיך. אונזערע אבות זענען געווען צדיקים, און מיר זענען בעלי תשובה. נישט גענוג אז דער אייבערשטער וועט אונז געבן, אז מיר וועלן זיין 'כאבותיך', זאגט מען נאך, והרבך 'מאבותיך', אז דער אייבערשטער וועט דיר פארמערן מער פון די עלטערן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען א ערליכער יוד דינט דעם אייבערשטען, איז דא אין דעם געוויסע מדריגות. אין קדושה איז דאך דא זייער אסאך מדריגות, און יעדער לויט זיינע מעשים, ווי ערליך ער איז, גייט ער אלץ אין א העכערע מדריגה, ביז ער קומט אן צו די מדריגה אין וואס ער שטייט. עס איז דא חמשים שערים אין קדושה, איינער קומט אן צו צען שערים, און איינער צו צוואנציג שערים, און איינער צו

דרייסיג, יעדער לויט זיין מדריגה. דער רשע איז אויך די זעלבע, נאר אין טומאה. דער רשע וואס זינדיגט, האט נישט קיין שייכות מיט די שערים פון קדושה, ער איז אין די שערים פון טומאה. איינער פאלט אריין אין צען שערים, איינער אין צוואנציג שערים, און איינער אין די מ"ט שערי טומאה, אדער אין די חמשים שערי טומאה, יעדער איינער לויט זיין חטא.

**עס** קען אמאל זיין, אז א צדיק שטייט ביי די דרייסיג'סטער שער אין קדושה, און דער רשע שטייט ביי די פערציג'סטער שער אין טומאה. דער רשע ווען ער טוט תשובה, און ער טוט תשובה מאהבה, וואס זדונות נעשו לו כזכיות (יומא פו.), איז ער דאך מהפך אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטון פאר א זכות. קומט אויס, אז ער שטייט יעצט אין די פערציג'סטער שער פון קדושה. ער שטייט אין א העכערע מדריגה פון דעם צדיק גמור. דער צדיק גמור איז דאך נאר א מענטש, און ער איז באגרעניצט מיט וויפיל ער קען דינען דעם באשעפער, און ער איז נישט צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה. אבער דער רשע, מחטיא צו זיין זיך, און מחטיא צו זיין את הרבים, קען מען דאך זייער גרינג פאלן אין טומאה, און ער שטייט אין א העכערע מדריגה אין טומאה, ווי דער צדיק איז געשטאנען אין קדושה. און אז מען טוט תשובה מאהבה, און עס איז זדונות נעשו זכיות, שטייט ער איז א העכערע מדריגה פון דעם צדיק גמור. - זאגט דער אייבערשטער, והטיבך, איך וועל דיר גוטס טון, איך וועל דיר געבן גוטע הרהורי תשובה, והרבך מאבותיך, און דו וועסט נאך קענען זיין מער פון דיינע אבות. אזוי שטייט אין **חתם סופר**.

**דוד** המלך איז געווען א צדיק גמור, ער האט געהאט זיינע מדריגות אין קדושה, אבער דער ירבעם בן נבט וואס איז חטא והחטיא את הרבים, ער האט מחטיא געווען דעם גאנצן כלל ישראל, איז ער געשטאנען אין אסאך א העכערע מדריגה אין טומאה, פון וואס דוד המלך איז געשטאנען אין קדושה. און ווען ער טוט תשובה, און ער איז זוכה צו טון תשובה מאהבה, און עס איז זדונות נעשו לו כזכיות, קען ער שטיין אין א העכערע מדריגה פון וואס דוד המלך איז געווען. האט ער געפרעגט דעם אייבערשטען, מי בראש. ווען איך וועל תשובה טון, און איך וועל טון תשובה מאהבה, וואס זדונות נעשו לו כזכיות, וועל איך זיין העכער פון דוד המלך, ווייל מיין מדריגה איז דאך יעצט א העכערע מדריגה פון דוד, צו דוד וועט זיין בראש. די תשובה וואלט געדארפט זיין דערויף, יא, דו וועסט זיין אין א העכערע מדריגה, והרבך מאבותיך. אבער דאס איז נאר, ווען א יוד טוט תשובה מאהבה, ווייל ער האט ליב דעם אייבערשטען, אבער אויב דו האסט חשבונות ווען דו טוסט תשובה, און דו פרעגסט מי בראש, איז דאך דער טייטש אז דיין תשובה איז נישט קיין אהבה'דיגע תשובה, דו מאכסט חשבונות יעצט, די תשובה איז נישט ווייל עס טוט דיר וויי וואס דו ביסט נתרחק געווארן פונעם אייבערשטען, און פון ליבשאפט ווילסטו זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, נאר דו טוסט יעצט תשובה ווייל דו ווילסט זיין בראש. אויב דו טוסט נישט קיין תשובה מאהבה, איז בן ישי בראש, וועסטו נישט זיין דארט.

**האט** אים דער אייבערשטער קודם געזאגט, חזור בך, האב חרטה אויף וואס דו טוסט, טו תשובה מאהבה, ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן, דו וועסט זיין פאר בן ישי, ווייל דיין תשובה מאהבה וועט מהפך זיין אלע דיינע עבירות צו זכיות, וועסו זיין פריער. אבער נאכדעם וואס דו פרעגסט די שאלה מי בראש, און דו מאכסט חשבונות, ווער עס וועט זיין בראש. איז דאך דיין תשובה נישט קיין תשובה מאהבה, און אז עס איז נישט קיין תשובה מאהבה, איז בן ישי בראש.

**א** יוד טוט אמאל תשובה, און עס איז תשובה מיראה, יעדער ווייסט אז מען וועט אמאל אפגעבן א דין וחשבון, און מען וועט אדורכגיין וואס מען דארף אדורכגיין אויף יעדן חטא. טוט ער תשובה ער זאל נישט דארפן אדורכגיין וואס ער דארף אדורכגיין. אבער אמאל איז דא וואס א יוד טוט תשובה מאהבה, פון ליבשאפט צום אייבערשטען. עס אינטערעסירט אים נישט דער גיהנם יעצט, נישט דאס איז זיין פראבלעם. דער

פראבלעם איז, אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם (ברכות ג.), בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), מיר זענען קינדער וואס זענען נתרחק געווארן פונעם אייבערשטען, און עס הייבט אן ווייי צו טון פארוואס מען איז אדורכגעפאלן. א מענטש איז זיך מתבונן וויפיל טובות דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש יעדע רגע, און וויפיל דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, איז דאך אין אנו מספיקין להודות. אפילו נאר איינס פון די טובות פונעם אייבערשטען, דאס קומט זיך צוריקצובצאלן פארן אייבערשטען וואס האט געטון אזויפיל טובות פארן מענטש, אז מען זאל זינדיגען, און מען זאל נישט טון זיין רצון. ווען א יוד טוט תשובה מאהבה, קען ער זוכה זיין צו והרבך מאבותיך, אז ער שטייט נאך אין א העכערע מדריגה פון דעם צדיק גמור.

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **לייבוש גאלדבערגער** שליט"א אב"ד מעדיער, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **משולם יאקאבאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה אליעזר גרינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת שמות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א** רב דקה"י ווינא יע"א, להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של נכדו בשעטומ"צ.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבה קטנה), עב"ג בת הר"ר **יהושע מרדכי שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יצחק אליעזר וואלדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בעריש שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת שמות</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל האפשערן של נינו הילד **יוסף באבאד** נ"ו שהתקיים בבית נכדו הרה"ג רבי **אברהם ברוך באבאד** שליט"א (חתן הדב"ן הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א), בהשתתפות הסבים **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א, והרה"ג רבי חיים יהושע באבאד שליט"א** מטארטיקוב. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בהכנסת הילד לחדר, שהתקיים בבית המדרש של התלמוד תורה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

*

***<u>יום רביעי פרשת שמות</u>***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק ליפא שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שניאור זלמן גראס** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן דוד לעוו** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרב **שמואל אפרים גאלד** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **משה יצחק רייזמאן** הי"ו, שהתקיים באולם שמח תשמח.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לשמחת החתונה של צאצאי הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו, הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **דניאל פאלאטשעק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום אליעזר ברוינער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

*שבת קודש פרשת שמות*

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישראל חיים דוד מארטאן** הי"ו. כמו כן התקיים הבאווארפן של החתן **ישראל דוד** ני"ו בן הר"ר **יהודא זינגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות להחתן **שמעי' לעוו** ני"ו, חתן הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו. היות שחל ניטל במוצאי שב"ק, שרו הפיוט ידיד נפש עם סיום הזמר בבואו מאדום. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה. אחר הדברי תורה השלימו שאר סדר הזמירות.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל המלוה מלכה להחזקת בית מדרשנו זכרון יהודא, שהתקיים באולם אנשי ספרד, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז צוזאמגעקומען צו א מלוה מלכה לטובת די בית המדרש זכרון יהודא, קומט זיך אז מען זאל רעדן אפאר ווערטער בשבחו פונעם בית המדרש. בתי מדרשים ב"ה פעלן נישט אין בארא פארק, עס איז דא גענוג, אין יעדע ווינקל קען מען טרעפן א בית המדרש וואו צו דאווענען. א בית המדרש איז אבער נישט געמאכט געווארן נאר אויף אריינצוקומען דאווענען די תפלה וואס מען דארף דאווענען, און ווען מען גייט אהיים איז כבולעו כך פלטו, אזוי ווי מען איז אריינגעקומען אזוי גייט מען ארויס. א בית המדרש אין היינטיגע צייטן, ווען מען לעבט אין אזא וועלט אזוי ווי עס איז היינט, דארף עס זיין א פלאץ וואו א מענטש דארף געפונען חיזוק אויף א גאנצע וואך. אטייל מאל נעמט זיך עס פון אהבת חברים, וואס איז דא צוזאמען איינער מיטן צווייטען, די תפלות וואס מען דאווענט צוזאמען, די דברי תורה וואס מען הערט אין בית המדרש, דאס גיט די כח אז מען זאל קענען אנגיין די גאנצע וואך, און מען זאל נישט אריינפאלען אין די נסיונות וואס מען האט ארום און ארום.

**און** מען זעהט עס בחוש, **יונגעלייט וואס האבן א קרייז, וואו מען קומט זיך צוזאם חברים צוזאמען, און מען דאווענט צוזאמען, דערקענט זיך עס אויף דעם יונגערמאן.** ווען מען גייט אריין אין א בית המדרש דאווענען, און ער האט נישט קיין שום שייכות, עס איז נאר אויף די תפלה, ער האט אפגעדאווענט און ארויסגעגאנגען, אוודאי איז זייער חשוב תפלה בציבור, מען רעדט נישט פון דעם, מען רעדט אבער פון די אנדערע תועלת וואס א בית המדרש דארף האבן, דאס פעלט דערפון. **א בית המדרש דארף זיין ביי א יוד, די צווייטע שטוב. אזוי ווי ער האט א דירה פאר אלע זיינע עניני גשמיים, ער האט א שטוב וואו ער עסט, און ער וואוינט, און ער ערציהט די קינדער און אזוי ווייטער, אזוי אויך מוז ער האבן א פלאץ פאר זיין רוחניות. און דער פלאץ פאר זיין רוחניות דאס איז זיין בית המדרש, וואו דארט קומט ער זיך צוזאם, דארט לערנט ער, דארט דאווענט ער, און דארט נעמט ער חיזוק פאר עבודת ה'.**

**עס** שטייט פון צדיקים, יעקב אבינו האט געזאגט פאר די קינדער, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א). ווען עס קומט עיקבתא דמשיחא, עס איז

שווערע זמנים, האט יעקב אבינו געזאגט, אז עס איז נישט דא קיין עצה נאר האספו ואגידה לכם, מען דארף זיך צוזאמנעמען אינאיינעם. האספו, דאס איז לשון אסיפה, ואגידה איז אויך א לשון פון צוזאמבינדען. יעקב אבינו האט געזאגט פאר די קינדער, מען איז אין מצרים, אין א ערות הארץ, האספו ואגידה לכם, מען דארף זיך צוזאמנעמען. את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, שטייט אין הייליגע ספרים, אז יקרא איז א לשון פון קרירות, קאלטקייט. עס הערשט א קאלטקייט אויף די גאס אין עניני עולם הזה, און דער בית המדרש דארף זיין דער פלאץ וואו א יוד דערוואַרימט זיך צו תורה און עבודה.

**א** מעשה מעג מען דאך פארציילען ניטל, כאטש די מעשה שטייט אין חומש, מעג מען עס אויך פארציילען. די תורה הק' פארציילט די וואך, אז משה רבינו איז ארויסגעאנגען, און ער האט געזעהן ווי א מצרי שלאגט א יוד, ויפן כה וכה, וירא כי אין איש (ב-יב), ער האט געזעהן אז קיינער איז נישט דארט, און ער האט גע'הרג'ט דעם מצרי. דעם אנדערן טאג איז ער ארויסגעאנגען, און ער האט געזעהן שני עברים נצים, צוויי יודען קריגען זיך צווישן זיך. האט ער פארגעהאלטן פאר יענעם פארוואס ער שלאגט אים. האט ער אים צוריקגעענטפערט מיט א עזות, מי שמך לאיש, ווער האט דיר אהערגערופן, וואס האסטו זיך אריינצומישן, הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי, ויאמר, אכן נודע הדבר.

**עס** שטייט אין ספרים הק', אז משה רבינו האט געזעהן א גוי שלאגט א יוד, און ער האט געזעהן אז עס שטייען דארט אנדערע יודען אויך, און קיינער נעמט זיך נישט אן פאר דעם יוד. מען שלאגט דא א יוד, און קיינער זאגט נישט א ווארט. האט ער זיך פארגעשטעלט, וואס קען מען זאגן פאר א מצרי, מיר זענען דאך אונטערטעניג, מיר זענען אין גלות מצרים, מען קען דאך נישט גיין טשעפענען דעם גוי, ער קען דאך מיר אויך טון די זעלבע. וועגן דעם שטייט יעדער אינדערזייט, פארפאלען מען מוז מקבל זיין די קלעפ וואס דער גוי גיט. ער האט געהאלטן אז יודען זענען נישט פעהיג זיך צו קריגן, און זיך אננעמען פאר דעם יוד אקעגן דעם גוי.

**דעם** אנדערן טאג האט ער אבער געזעהן, אז נישט נאר ווען א גוי שלאגט א יוד שטייט מען אזוי אינדערזייט, נאר אפילו ווען זיי שלאגן זיך צווישן זיך, שני עברים נצים, צוויי יודען שלאגען זיך איינער מיטן צווייטען, און ווען מען זאגט אים עפעס, איז ער גארנישט אזא מפיל קינד, ער קען צוריק ענטפערן מי שמך לאיש, הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי, איז ער דעמאלטס געוואר געווארן, אז דאס וואס נעכטען ווען דער גוי האט געשלאגען דעם יוד, איז מען געשטאנען אינדערזייט, און מען האט זיך נישט אנגערופן, איז עס אויך נישט געווען מכח דעם וואס ער האט מורא געהאט פונעם גוי, יודען האבן נישט קיין מורא, זיי קריגען זיך צווישן זיך אויך.

**דעם** ערשטן טאג ווען ער האט געזעהן א גוי שלאגט א יוד, און וירא כי אין איש, די מענטשען זענען דארט, און קיינער מאכט זיך נישט וואוסענדיג, וואו איז דער איש וואס זאל זיך אננעמען דא. האט ער עס פארענטפערט, אז קיינער וויל נישט אנהייבען מיט א מצרי. אבער ווען ער האט געזעהן דעם צווייטען טאג, אז שני עברים נצים, מען קריגט זיך צווישן זיך אליין אויך, האט ער געזאגט, אכן נודע הדבר, יעצט פארשטיי איך שוין די נעכטיגע מעשה אויך. אז עס פעלט אין אהבת ישראל, עס פעלט אין ליבשאפט וואס איין יוד דארף האבן צום צווייטען, דער אהבת חברים וואס דארף זיין ווען מען געפונט זיך אין א בית המדרש צוזאמען, ווען איינער קוקט ארויף אויפן צווייטען צו קענען העלפן פארן חבר. יעדער איינער האט זיך דאך זיינע פראבלעמען, און עס איז דא א פלאץ ווי ער קען זיך צוזאמקומען, און אויסשמועסן זיין פראבלעם וואס ער האט, סוף כל סוף העלפט מען יענעם.

*

**מען** זעהט אין סוף פון די פרשה (שמות ה-ט), ווען משה רבינו איז געקומען צו פרעה אז מען זאל

אויסלייזען יודען פון מצרים, און פרעה האט זיך אקעגן געשטעלט, ער וויל נישט אוועקשיקן יודען, נאר אדרבה תכבד העבודה על האנשים, מען דארף שווערער מאכן די ארבעט אויף די מענטשען, ואל ישעו בדברי שקר, און ער האט געהייסען אז מען דארף שווערער מאכן די ארבעט, פון היינט אן וועט מען נישט געבן קיין קש לתבן, מען גיט נישט מער קיין שטרוי. ואת מתכונת הלבנים דארף מען ווייטער טון, וויפיל ציגל מען האט ביז יעצט געדארפט אויפשטעלן דארף מען ווייטער אויפשטעלן. ביז יעצט האט מען צוגעשטעלט פאר יעדן די ארבעט, מען האט זיי געגעבן קש און תבן און יעדער האט געמאכט די ליים, פון יעצט אן דארף מען אליין פארשאפן די קש ותבן. און משה רבינו האט זיך נאכדעם אפגערעדט פארן אייבערשטען, למה הרעותה לעם הזה.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז דער פשט דערפון איז. פארוואס האט פרעה געזוכט אזא וועג אז מען זאל שווערער מאכן די ארבעט. זאל ער זאגן, אז יעדער דארף מאכן דאפעלט ציגעל, פון וואס ער האט געמאכט נעכטען. פארוואס איז ציגעל געבליבען די זעלבע, נאר ער גיט נישט מער די זאכן ארום און ארום, מען מוז זיך גיין צוזאמשטעלן קש מיט תבן.

**פרעה** האט געוואוסט אז די גאולה פון יודען נעמט זיך פון אהבת חברים. עס שטייט אין די גמרא (יומא ט:) אז ביים בית שני איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, נאר שנאת חנם שהיה ביניהם, עס איז געווען שנאת חנם, מען האט זיך נישט ליב געהאט איינער דעם אנדערן, זיי האבן זיך נישט ארויסגעהאלפן איינער דעם אנדערן, וועגן שנאת חנם איז געקומען דער חורבן פון בית המקדש. און דער בית המקדש קען נישט ווערן אויפגעבויט, ביז מען איז נישט מתקן דעם שנאת חנם. זעהט מען דאך, אז דער היינטיגער גלות איז געקומען ווייל עס איז געווען שנאת חנם צווישן יודען.

**פרעה** האט געזען אז ביי יודען איז דא א געוואלדיגע אחדות, מען העלפט זיך ארויס איינער דעם צווייטען. יעדער איינער איז טאקע אויף צרות, אבער יעדער איז חס אויפן צווייטען, מען העלפט פארן אנדערן, האט ער געזוכט א וועג ווי אזוי ער קען צוברעכן דעם אחדות וואס איז דא ביי יודען. אז ער וועט זאגן אז מען דארף ארבעטן דאפעלט שווער, וועט איינער צוהעלפן פארן אנדערן, און מען וועט אנקומען מיט די ארבעט, נישט דאס איז געווען זיין ציל. אבער אז מען וועט נישט געבן קיין קש לתבן, און יעדער וועט דארפן גיין זוכן קש, וועט מען זיך אנהייבן קריגן צווישן זיך. פארוואס נעמסטו צו מיין קש, איך האב געזעהן די קש קודם, איך האב עס שוין קונה געווען בראיה, איך בין שוין געווען אין די ד' אמות פון דעם קש. פארוואס נעמסטו צו פון מיר, מען וועט אויסגיין פאר א שטיקל קש, וועט זיך אנהייבן א מחלוקת צווישן זיך, מען וועט זיך אנהייבן צו קריגען, מען וועט זיך אנהייבן צו דינגען איינער מיטן צווייטען, עס וועטו אנהייבן צו ווערן קנאה, יענער האט יא געטראפן קש, און איך האב נישט געטראפן. דאס האט ער געזוכט, ער האט געזוכט צו צוברעכן יודען, אז עס זאל נישט זיין קיין אחדות צווישן זיי. און ווען עס וועט נישט זיין קיין אחדות צווישן יודען, דעמאלטס דארף מען נישט מורא האבן פון א גאולה, ווייל גלות קומט ווען עס איז נישט דא קיין אחדות ביי יודען. האט ער נישט געדאפעלט די סכום פון די לבנים, ווייל נישט דאס איז געווען זיין ציל. זיין ציל איז געווען, ווי אזוי ער טוט צוברענגען דערצו, אז עס זאל ווערן א מחלוקת. אז מען דארף זוכן קש, און עס וועט נישט זיין בנמצא, וועט מען מוזן גיין אין גאנץ מצרים, וועט מען זיך אנהייבן צו קריגן איינער מיטן צווייטען, צו טרעפן די קש.

**משה** רבינו האט געוואוסט אז דער אייבערשטער האט זיינע חשבונות מיט די גאולה, עס וועט נאך קומען די צייט וואס דער אייבערשטער וועט אויסלייזן יודען. זיין שאלה איז אבער געווען, למה הרעותה לעם הזה, פארוואס האסטו געמאכט יודען שלעכט. פרעה האט גוזר געווען אזא גזירה אויף יודען, וואס מאכט אז יודען זאלן ווערן שלעכט איינער צום

צווייטען. 'למה הרעותה לעם הזה' מיינט נישט אז דער אייבערשטער האט שלעכטס געטון פאר יודען. דער אייבערשטער האט נישט שלעכטס געטון פאר יודען, אבער עס האט אריינגעברענגט יודען יעצט אין אזא מצב, אז זיי זאלן זיין שלעכט איינער צום צווייטען. און טאמער זיי וועלן זיין שלעכט איינער צום צווייטען, דעמאלטס שטייט מען זייער ווייט פון די גאולה.

**דאס** איז דער אסיפת חברים וואס מען האלט זיך צוזאם, עס האט א געוואלדיגע חשיבות פאר זיך. **מען דארף מחשיב זיין דעם בית המדרש נישט נאר מכח די תפלות וואס מען דאווענט דא, די יראת שמים וואס ווערט אריינגעלייגט, וואס מקצת שבחו בפניו, וואס רבי בנימין לייגט אריין, און עס גיסט זיך איבער תורה און עבודת ה' און יראת שמים אויף די אלע וואס זענען אין בית המדרש, וואס דורך דעם שטייגט מען. און ב"ה עס איז געווארן א שיינע קבוצה פון אמת'דיגע בני תורה, יראי ה'. מען דארף מחשיב זיין די חשיבות פון אהבת חברים, זיך ליב האבן איינער דעם צווייטען, און ארויסהעלפן איינער דעם צווייטען, ביי א יעדע געלעגענהייט וואס מען קען, וויסן ווען איינער האט א פראבלעם וואס מען קען אים העלפן, און זוכן אים צו העלפן. ווען מען שטייט פאר א שמחה, וואס מען קען אים צוהעלפן דערצו, דאס זענען די זאכן וואס זענען מקרב די גאולה.** עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די אלע וואס טוען זיך משתתף זיין, און טוען ארויסהעלפן אז אזא מקום קדוש זאל קענען ווייטער אנגיין.

**רבי** חיים ארי' רובין זאל זיין געזונט האט מנדב געווען די סעודה, בפניו קען מען נאר זאגן מקצת שבחו, אבער שלא בפניו קען מען זאגן מער אויך, מען קען אבער נישט מסיים זיין כולו שבחו. ער האט אסאך כוחות אריינגעלייגט אין דעם בית המדרש, און אין די מוסדות, זיין עסקנות איז בלתי לה' לבדו, ער טוט יעדע זאך לשם שמים מיט א ערליכקייט, אויפצובויען מוסדות התורה. די סעודה איז לעילוי נשמת זיין שווער, וואס איז געווען א אדם חשוב מאוד, זיך געהיטן דעם דיבור, זיין התנהגות איז געווען לשם ולתפארת, איז אוודאי לעילוי נשמתו די מסיבה וואס מיר זיצען צוזאמען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל ארויסקומען ווייטער אויך א כבוד שמים. אז מען טוט אין אהבת חברים ברענגט עס צו, אז עס זאל מקרב זיין די גאולה, זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המלוה מלכה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל המלוה מלכה להחזקת בית המדרש סאמבאטהעלי, שהתקיים בבית המדרש, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל זאגן א פאר ווערטער לכבוד די יונגעלייט, וואס האבן זיך אריינגעלייגט דא אינעם בנין פון די בית המדרש, און אין די מקוה. די מקוה האבן זיי אהערגעשטעלט לשם ולתפארת, דאס דארף מען נישט זאגען, יעדער זעהט בחוש וויפיל כוחות זיי האבן אריינגעלייגט דערין, עס איז א געוואלדיגער זכות הרבים וואס איז נוגע פאר די אלע וואס קומען אריין. יעדער האט זיין שטוב און יעדער דארף האבן א צווייטע שטוב אויך. דער בית המדרש דאס איז די צווייטע דירה וואס א יוד דארף האבן. ער האט א גשמיות'דיגער שטוב פאר עניני גשמיים, און פאר זיינע רוחניות'דיגע ענינים האט ער א בית המדרש, צו דאווענען און צו לערנען, הערן דברי תורה, און אזוי ווייטער.

**אזוי** ווי מען געפונט אין די גמרא (ברכות נז:) אז א דירה נאה איז מרחיב דעתו של אדם, ווען א מענטש האט א שיינע דירה, גיט עס הרחבת הדעת אין שטוב. על אחת כמה וכמה א בית המדרש, אויב עס איז אהערגעשטעלט א דירה נאה, איז עס מרחיב דעתו של אדם. בשעת מען קומט דאווענען, דארף מען האבן הרחבת הדעת, עס דאווענט זיך אנדערש. ווען די גשמיות איז צוגעשטעלט, איז די רוחניות אויך אנדערש. עס איז א געוואלדיגער זכות הרבים וואס מען טוט.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה דאס חשיבות פון הכרת הטוב. עס איז נוגע פארן ציבור, מען דארף האבן הכרת הטוב פאר א בית המדרש וואו מען דאווענט, און עס איז נוגע פאר מיר פערזענליך א הכרת הטוב פאר די יונגעלייט וואס טוען לטובת דעם בית המדרש.

**די** תורה פארציילט די וואך [עס איז א מעשה וואס די תורה פארציילט, און מעשיות מעג מען פארציילען אפילו ניטל אויך], ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), עס איז אויפגעשטאנען א נייער קעניג וואס האט נישט געקענט יוסף, און ער האט גוזר געווען די אלע גזירות אויף יודען. עס איז דא צוויי דיעות אין די גמרא (סוטה יא.), וואס דער מלך חדש איז טייטש. איין דיעה זאגט כפשוטו, עס איז אויפגעשטאנען א נייער קעניג, וואס האט נישט געקענט יוסף, עס איז נישט געווען דער זעלבער פרעה וואס איז געווען דעמאלטס. איין דיעה איז דא אין די גמרא, אז דאס איז געווען דער זעלבער פרעה, נאר שנתחדשו גזירותיו, ער האט זיך אהערגעשטעלט ווי א נייער מלך, ער האט מחדש געווען זיינע גזירות, וואס איז נישט געווען ביז יעצט.

**עס** לייגט זיך אבער נישט אויפן דעת, אז א מלך וואס האט געקענט יוסף, זאל קענען טון אזא זאך שפעטער פארן עם ישראל. יוסף האט אויפגעבויט מצרים, עס איז געווען די שנות השבע און די שנות הרעב, ער האט פותר געווען דעם חלום, און ער האט אלעס צוגעגרייט. מצרים וואלט אונטערגעגאנגען ווען נישט יוסף. און ער האט אהערגעשטעלט מצרים, אז מצרים איז געווארן די רייכסטע מדינה אין די גאנצע געגענט. אלע געלטער זענען אנגעקומען צו פרעה, זיי האבן פארקויפט אלע זייערע בהמות און אלע זייערע פעלדער, אלעס האט ער איבערגענומען. פארוועם איז דאס צו פארדאנקען, פאר יוסף. יוסף האט אויפגעבויט מצרים. א נארמאלער מענטש וועט נישט טון אזא זאך, איינער האט אים אויפגעבויט, און ער האט אים אהערגעשטעלט אזא מדינה, זאל קומען דער מלך נאכדעם און נעמען זיינע קינדער און וימררו את חייהם בעבודה קשה. עס מוז זיין אז עס איז געווען א נייער קעניג, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט יוסף.

**איין** מאן דאמר זאגט, ניין, עס איז נישט געווען א מלך חדש, עס איז געווען דער זעלבער קעניג, שנתחדשו גזירותיו. עס שטייט אין מדרש תנחומא, אז מען איז געקומען צו פרעה, און מען האט אים געזאגט, אז מען דארף זיך א עצה געבן מיט יודען. האט ער געזאגט, איך קען עס נישט טון, יוסף האט אונז אויפגעבויט, איך קען נישט טון אזא זאך פאר יודען. האט מען אים מעביר געווען פונעם מלכות. דריי חדשים איז ער נישט געווען א מלך. וואס טוט א מענטש אין אזא פאל, ווערט מען א חיה רעה, ער וועט פארלירן זיין מלכות מיט אלעם? ער וועט כפרה שלאגן מיט הכרת הטוב, און צוריק באקומען זיין מלכות. פאר כבוד טוט א מענטש אסאך זאכן וואס ער וואלט נישט געטון. ויקם מלך חדש, עס איז דער זעלבער אלטער קעניג, אבער ער האט נישט געהאט קיין שום הכרת הטוב. ווען ער האט פארלוירען זיין פאסטן, איז ער געווארן אויס מענטש, און ער האט פארגעסן פון הכרת הטוב, אשר לא ידע את יוסף, ער וויל נישט קענען מער יוסף, ער גייט צו פרידן שטעלן דאס פאלק. די תורה וויל אונז פארציילען, ווי ווייט עס דארף זיין ביי אונז חשוב די מדה פון הכרת הטוב. יענער טוט עפעס א גוטע זאך, דארף מען אים מכיר טוב זיין אויף דעם וואס ער האט געטון, און נישט זיין ח"ו א כפוי טובה.

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני קסו), אז בתיה בת פרעה האט מציל געווען משה רבינו, ותקרא שמו משה, כי מן המים משיתהו (שמות ב-י), זי האט אים גערופן משה, ווייל זי האט אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער. זאגט דער מדרש, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, עשרה שמות האט משה רבינו געהאט, זיין טאטע, זיין מאמע, יעדער האט אים געגעבן א אנדערען נאמען. און בתיה בת פרעה האט אים א נאמען געגעבן משה. האט דער אייבערשטער געזאגט,

איך בין שולדיג א הכרת הטוב פאר בתיה בת פרעה, זי האט אים גערופן משה, איך גיי אים רופן שטענדיג מיט דעם נאמען וואס זי האט אים גערופן. משה רבינו ווערט אנגערופן מיט די נאמען וואס א גוי'טע, בתיה בת פרעה, האט אים געגעבן די נאמען, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען א הכרת הטוב.

**דער שאמלויא'ער רב זצ"ל** טייטשט, זכרו תורת משה עבדי (מלאכי ג-כב). דאס ווארט משה לערנט אונז אסאך, דאס ווארט משה לערנט אונז, אז מען דארף האבן הכרת הטוב. 'זכרו' געדענקטס, 'תורת משה', וואס דאס ווארט 'משה' לערנט אונז, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, אז דער אייבערשטער האט פון אלע נעמען וואס ער האט געהאט, פון זיינע חשוב'ע עלטערן, עמרם איז דאך געווען גדול הדור (סוטה יב.), און פון זיין מאמע יוכבד, נישט מיט דעם איז ער געבליבען, נאר מיט דעם נאמען פון בתיה בת פרעה, וועגן הכרת הטוב.

**די** יונגעלייט דא האבן זיך ארייגעלייגט אינעם בית המדרש, ר' אהרן הערש בלושטיין, און ר' יואל לאנדא, ר' יהושע צימענד, עס איז דאך נישט זייער בית המדרש, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי ארייגעלייגט אזויפיל צייט, און זיי האבן זיך אוועקגעגעבן אויפצושטעלן א שיין פלאץ, אז מען זאל קענען לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטען. זאל דער אייבערשטער זיי געבן, אז זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער און אייניקלעך.

**מען** האט פריער גערעדט פון קדושת בית הכנסת, ווי אזוי א שול דארף אויסקוקען, דאס דאווענען דארף זיין א שעה וואס איז מיוחד צו דאווענען, דעמאלטס דארף מען פארגעסן פון אלעם ארום און ארום. עס איז דא גענוג צייט צו שמועסן, און אלע זאכן וואס מען דארף מסדר זיין, עס מוז נישט זיין דוקא אין די פאר מינוט וואס מען דארף מייחד זיין פאר תפלה. עס שטייט אין די גמרא (שבת קיט.) אויף רעדן בשעת התפלה און בשעת קריאת התורה, אז עס איז גדול עונו מנשוא. זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל קענען מקבל זיין אויף זיך קבלות טובות, די תפלות זאלן אויסקוקען ווי עס דארף צו זיין, און נישט ארומרעדן. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אנהאלטן די גוטע קבלות אין וואס מען גייט אריין. דער באשעפער זאל בענטשען די אלע וואס האבן א חלק אין צוהעלפן אין די עבודת הקודש, מיט אלעס וואס זיי דארפן האבן. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבם לטובה, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.